# הבינוני

פרשת ויקרא-פורים ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון מו ||| שנה ב'

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א



**פטרון סדר ויקרא**

ע"י אחד מבני החבורה

זכות לימוד התורה יעמוד לו ולזרעו עד עולם


## ותדבר לפני המלך

### שכל קויך לא יבושו;

די עיקר תפלה וואָס אַ איד דארף בעטן אין די מסוגל'דיגע ימי הפורים

**יום תענית אסתר, ג' צו, שנת תשפ"ב**

א

## ואני תפלתי לך ה' עת רצון; פורים איז אַ מורא'דיגע זמן פון קיבול תפלות

### די ימים המסוגלים פון תענית אסתר און פורים

ס'איז ידוע די ווערטער וואָס שטייט אין ספה"ק '**קב הישר**' אַז דער טאָג פון 'תענית אסתר' איז מורא'דיג מסוגל אויף תפלה. דעריבער זאל יעדער איד זיך אַראָפּנעמען אַביסל צייט אין די הייליגע טעג, זיך צו אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן רבוש"ע, מיט'ן זאָגן דעם קאַפּיטל כ"ב "קלי קלי למה עזבתנו", וואָס איז זייער מסוגל אַז די תפלות זאָלן קענען נתקבל ווערן.

די אַלע טעג פון תענית אסתר, פּורים און שושן פּורים זענען גרויסע טעג ווען מען קען אַסאַך אויס'פועל'ן מיט תפלה, ווי ס'איז ידוע **פון ספרים הק'** אַז פּורים קען יעדער איד געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועה שלימה דורך תפלה, ווייל כביכול דער רבוש"ע אויך מקיים דעם 'כל הפושט יד נותנין לו' צו ענטפערן אַלע בקשות פון יעדן איד.

### אַז מען קלאַפּט אויף די דלתי רחמים ווערט עס געעפנט

די **גמרא** זאָגט אין **מסכת מגילה** (דף יב, ב) אַז מרדכי הצדיק ווערט אָנגערופן 'בן קיש' - "על שם שהקיש על דלתי רחמים ונפתחו לו" - ווייל ער האָט אָנגעקלאַפּט אויף די טירן פון רחמים און מ'האָט אים געעפנט.

הגה"צ רבי **משה וואָלפסאָן** שליט"א (משגיח בישיבת 'תורה ודעת' ורב דק"ק אמונת ישראל) זאָגט אַז לכאורה פון וואו איז די ראי' אַז מ'האָט אים אויך געעפנט די טויערן?! אין פּסוק שטייט דאך בלויז די ערשטע העלפט; 'בן קיש', וואָס איז מרמז אויף דעם חלק פון 'שהקיש על דלתי רחמים', אָבער ס'שטייט נישט דאָ די צווייטע חלק פון 'ונפתחו לו'?!

נאר, אלא מאי, איז פון דאָ אַ קלאָרע הוכחה אַז **"אויב מען קלאַפּט אויפ'ן טיר דעמאָלט עפענט מען"!** דאָס איז אַזאַ זיכערע דבר פּשוט אַז חז"ל דאַרפן דאָס אפילו נישט דערמאַנען!

אין אָט די הייליגע טעג האָבן אידישע קינדער דעם כח צו אָנקלאַפּן אויף די דלתי רחמים און ווערן געעפענט. איז דעריבער כדאי אַז מ'זאָל דאָס אָפּלערנען און פאַרשטיין, כדי מיר זאָלן קענען ריכטיג מקיים זיין די גרויסע עבודה פון 'כל הפושט יד נותנים לו'.

### אין אַזאַ זמן פון שמחה איז דאָ אַ געוואַלדיגע כח התפלה

הגה"ק **מקאָזיגלאָוו** זצ"ל, אין זיין ספר **ארץ צבי** (מועדים עמו' רכ"א) איז מסביר אַ שיינעם יסוד פאַרוואָס די כח פון תפלה איז אַזוי שטאַרק אין די ימי הפּורים, ווייל דאָס איז פאַרבינדן מיט די ספּעציעלע ענין פון שמחה וואס איז דאָ אין די טעג. **וויפיל מער אַ מענטש איז בשמחה אַזויפיל מער קען ער אויס'פועל'ן!** דער כח התפלה אַרבעט בעסער ווען דער מענטש איז בשמחה, ווי צדיקים האָבן געזאָגט אַז פאַר אַ 'בעל שמחה' איז אָפן אַלע שערי שמים און ער קען געהאָלפן ווערן מיט זיינע בקשות.

מ'קען צושטעלן דערצו דאָס וואָרט פון דעם הייליגן רבי ר' **משה לייב סאַסובער** זי"ע, אויפ'ן מאמר חז"ל (ברכות לב ע"ב) 'שערי דמעה לא ננעלו', ווען אַ איד וויינט קענען די שערים נישט זיין פאַרשפּארט, אָבער **ווען אַ איד דאַוונט מיט שמחה דעמאָלט איז בכלל נישט דאָ קיין שערים!** מ'דאַרף עס נישט עפענען ווייל ס'איז אינגאַנצן נישט דאָ קיין טויערן! אַ תפלה מתוך שמחה איז פורץ אַלע גדרים און ווען אַ מענטש איז בשמחה קען ער ריכטיג דאַוונען.

### די סגולה פון פורים איז נאָכמער ווי אַנדערע ימים טובים

דער **קאָזיגלאָווער** שמועסט דאָרט אויס אַז לכאורה וואָס איז די ספּעציעלע סגולה פון תפלה אין די ימי הפּורים, אַלע ימים טובים זענען דאך ימי שמחה, יעדן יום טוב איז דאָ אַ חיוב שמחה מן התורה, ושמחת בחגך, אויב אַזוי מיט וואָס איז פּורים אַזויפיל מער מסוגל אויף קבלת התפלות?!

איז ער מסביר אַז אין אַ געוועגליכע 'יום שמחה' איז נאָכנישט מוכרח אַז דעם מענטשנ'ס האַרץ זאָל

### אותיות מחכימות

קב הישר פרק צ"ז

כי יום זה הוא מסוגל מאוד שיקובל תפילתנו בזכות מרדכי ואסתר, וכל מי שצריך רחמים על איזה דבר שהוא צריך להתפלל, יקח פנאי לעצמו ביום התענית אסתר ויאמר תחילה מזמור כ"ב בספר תהלים 'איילת השחר', ודרשו רז"ל (יומא כט, א) דאסתר היתה נקראת איילת השחר, ואח"כ ישפוך שיחו לפני ה' ויבקש בקשתו, ויזכיר זכות מרדכי ואסתר וכו' ויפתח לו שערי רחמים ותקובל תפילתו ברצון.

זיך עפענען און ער וועט טאַקע קענען פועל'ן מיט זיין תפלה מתוך שמחה, וויבאַלד די ליכטיגקייט פון די ימים טובים קומט פון גאָר אַ הויכן פלאַץ, וואָס נישט יעדער איד אין יעדע מדריגה האָט אַלעמאָל אן אחיזה דערינען. נישט אַלעמאָל האָט די אור פונעם יום טוב אַ השפעה אויף דעם מענטשנ'ס הארץ אַז זיין האַרץ זאָל זיך טאַקע עפענען און ער זאָל ווערן באמת בשמחה, ווייל די ליכטיגקייט קומט פון אַזאַ הויכע מקום וואו דער מענטש האָט נישט קיין שייכות.

אָבער ווען ס'קומט אַזאַ יום טוב פון פורים, וואָס איז אַ מצוה דרבנן, **דעמאָלט איז גרינגער אַז יעדער איד זאָל קענען האָבן אַן אחיזה דערינען!** די שמחה פון פורים איז אויסגעשטעלט אַז אפילו דער פשוט'ער מענטש קען זיך גלייך אָנכאַפּן דערמיט. נישט ווייל די אַנדערע ימים טובים זענען קלענערע ימי שמחה, נאר ווייל דאָרט איז אַסאַך שווערער אַז דער מענטש זאָל זיך קענען דערהייבן, וויבאַלד ס'קומט פון אַ הויכע פלאַץ און דער מענטש איז אַביסל ווייט פון יענע מדריגה, אָבער **פורים האָט אַ ספעציעלע כח, ס'איז דייקא געמאַכט געוואָרן דורך די הייליגע חכמים אַז ס'זאָל זיין געאייגנט פאר יעדן!**

דערפאַר האָט טאַקע יעדער מענטש אן אחיזה אין דער שמחה פון פורים, זיין האַרץ ווערט אָפן, און אַז זיין האַרץ איז אָפן, ווערט ער ווי אַ בעל שמחה און ער קען דאַווענען בעסער און געהאָלפן ווערן מיט די תפלות!

### אַ פריוואַטע שמחה האָט אַ ספעציעלע הרגשה

אין 'ארץ צבי' ברענגט ער דאָרט אַראָפּ וואָס **תוספות** זאָגט אין **מסכת פסחים** (נ. ד"ה מקום שנהגו) בשם דעם **ירושלמי**, אַז ווען אַ איד האָט געברענגט אַ קרבן אין בית המקדש איז דער גאַנצער טאָג געווען פאַר אים ממש אַ יום טוב און ער האָט נישט געמעגט טון קיין מלאכה אין דעם טאָג. דערפאַר איז ערב פסח אסור בעשיית מלאכה נאָך חצות, ווייל יעדער איד איז דעמאָלט מקריב דעם קרבן פסח.

איז ער מסביר, אַז די פשט דערפון איז ווי דערמאַנט: אַ מענטש האָט אַסאַך אַ שטאַרקערע אחיזה אין אַ יום טוב וואָס ער האָט אַליין געמאַכט, ווען ער האָט געברענגט אַ קרבן. ס'איז נישט בלויז אַ יום טוב ווייל אין דעם לוח שטייט אַז דאָס איז אַ יום טוב, נאר ס'איז געקומען ווייל דער מענטש האָט דאָס אַליין געברענגט. ער שפירט ביי זיך: "דאָס איז מיין יום טוב"!

### פורים איז אַ פריוואַטע שמחה פאר יעדן איד

יעדער קען דאָס זען ביי זיך אַליין. ווען מען מאַכט אַ סיום און מען ווייסט אַז מען האָט גוט געהאָרעוועט אויף די מסכתא, שפירט מען אין האַרץ אַ מורא'דיגע שמחה. ווען אַ מענטש מאַכט אַן אייגענע שמחה האָט ער אַ געוואַלדיגע געפיל פון פרייליכקייט. און ווען ער שפירט די שמחה גרעסער **האָט ער טאַקע דעם כח פון אַ בעל שמחה** צו קענען אָנוואונטשן פאר אַנדערע אידן.

דער יום טוב פון פורים האָט אָט די מעלה! וויבאַלד ס'איז אַ מצוה דרבנן, קומט עס פון אַ פלאַץ וואו ס'איז נישט אַזוי הויך, און דעריבער קען מען זיך בעסער מקשר זיין דערמיט. יעדער איד קען האָבן אַ קשר מיט'ן יום טוב פורים; יעדער קען שפירן אַז ס'איז מיין שמחה, איך מאַך חתונה היינט! **מ'זעט עס טאַקע בחוש אַז אידן שפירן פורים בשמחה, אויף אַ העכערע בחינה פון אַנדערע ימים טובים**, כל אחד לפי מדרגתו און דערפאַר איז דאָס אן 'עת רצון' פון קיבול תפלות.

### אותיות מחכימות

ארץ צבי מועדים עמו' רכ"א

שמעתי בשם החידושי הרי"ם ז"ל דבפורים יכול כל אחד להיושע בישועה שלמה עלידי תפילה עכ"ד.

ויש לומר הטעם בזה דהנה איתא בשם הרה"ק ר' אורי זצ"ל מסטרעליסק דמי שהוא בעל שמחה פתוחין לפניו כל שערי שמים ויכול להוושע בכל מה שליבו חפץ עכדה"ק

ולכאורה גם בכל יום טוב כל איש ישראל הוא בעל שמחה, ועוד יותר דיום טוב הוא מצות עשה דרבים וכמש"כ המג"א סי' תמ"ו. וצריך לומר דלא לכל אדם יש אחיזה ביום טוב... דתיקונו זה קלקולו, דכיון דמעלתו גבוהה מאד אין לרשע אחיזה בקדושת יום טוב ואינו יכול לקבל תועלת מיום טוב, ורק מי שיש לו אחיזה ביו"ט מקבל ממנו. ואפילו ביו"ט שני של גליות שקדושתו נמוכה מיו"ט דאורייתא מ"מ כיון שיש לו עיקר מן התורה לאו כל אדם זוכה להיאחז בקדושה, אך כשאדם עושה שמחה שזה יו"ט שלו, בודאי יש לו אחיזה בו, אפילו יהיה מי שיהיה, כיון דכל מציאות היו"ט היא רק בסיבתו, וע"כ יכולין להיושע אז.

והיינו טעמא דפורים, שהוא יו"ט דרבנן שאין לו עיקר מדאורייתא, יש לכל אחד אחיזה בו, וחשיב כל אחד מישראל כמו בעל שמחה שפתוחין לפניו כל שערי שמים עלכן בנקל אז להיושע בתפילה

וביארתי בזה לפי מה שכתבו התוספות פסחים נ ע"א ד"ה מקום וכו' דביום שאדם מקריב קרבן הוא יום טוב שלו... והנה פורים הוא יו"ט דרבנן, ועיקר ישועת פורים באה ע"י תפילה. וע"כ בפורים יכולין להיושע בתפילה ואז התפילה נכנסת לפני ולפנים.

ב

# ומלתם את ערלת לבבכם; די קליפּה אויפ'ן האַרץ האַלט אָפּ די אינערליכע פּנימיות פון אַרויסקומען

### די שווערינקייט אַרויסצוברענגען די פּנימיות שבלב

ווען מען רעדט פון תפלה, און אַז מ'ווועט זיך מתבונן זיין אַביסל אין דער וועלט, וועט מיר זען אַז ס'איז דאָ זייער אַ שטאַרקע שווערינקייט ביי מענטשן, אַז **זיי קענען נישט אַרויסברענגען וואָס ליגט ביי זיי אינעווייניג אין האַרץ**. זיי קענען נישט אַרויסברענגען זייער **רצונות**, זייערע **געפילן** און זייערע **מחשבות**, אַז ס'זאָל אַרויסקומען אינדרויסן.

די דריי ווערטער 'רצונות', 'געפילן' און 'מחשבות' זענען בעצם דריי מדריגות אין דער פּנימיות פון דעם מענטש. די טיפסטע חלק איז דער **'רצון'**, ווי ס'שטייט אין ספרים אַז ס'איז מרמז אויף די העכסטע מדה פון כתר. שפּעטער איז דאָ די **רגשי הלב**, די געפילן, און דערנאָך איז דאָ די **מחשבות.**

אָט די אַלע דריי זאַכן זענען טיף באַהאַלטן אין דעם פּנימיות און **דער מענטש האָט אַ גרויסע שווערינקייט דאָס צו קענען אַרויסברענגען.** ס'איז אים זייער שווער דאָס צו קענען אַרויסרעדן און אפילו צו וויסן וואָס צו טון מיט די אַלע רצונות, געפילן און מחשבות.

### די ווייטאָג ווען מ'קען נישט אַרויסגעבן רצונות

מ'קען דערויף זאָגן אַסאַך ביישפּילן, אָבער די גרינגסטע און פּשוט'סטע דוגמא איז אַ קליין קינד וואָס קען נאָך נישט רעדן; דאָס קינד מוטשט זיך זייער שטאַרק, ווייל ער האָט אַ רצון פּונקט ווי אַ גרויסער מענטש, אָבער ער קען דאָס נישט אַרויסגעבן!

ווען עס טוט עפּעס ווי פאַר'ן קינד, שפּירט ער דאָס במחשבה, לפי ערכו. ער האָט אַ רצון אַז מ'זאָל אים געבן טרינקן, אַז מ'זאָל אים רייניגן, וכדומה, און דערפאַר וויינט ער מיט טרערן און מיט אַ טיפע צער, ווייל ער קען זיך נישט אויסדרוקן, ער קען נישט אַרויסרעדן זיינע געפילן און מחשבות.

די זעלבע שווערינקייט איז נישט בלויז פאַרהאַן ביי קינדער וואָס קענען נאָכנישט רעדן, **אויך עלטערע מענטשן האָבן דעם צער!** דאָס קומט פון אַ קליפּה וואָס איז גורם אַז אפילו ווען דער מענטש קען שוין יאָ רעדן האָט ער אַ שווערינקייט צו וויסן

וואָס ער וויל בכלל, און נאָכמער, ער ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיינע אינערליכע רצונות און מחשבות.

מענטשן האָבן אַ טיפע אינערליכע תשוקה אָבער זיי ווייסן נישט וויאַזוי אָנצוקומען דערצו. **זיי קענען נישט אַרויסברענגען זייער פּנימיות מכח אל הפּועל.** דאָס איז גאָר אַ גרויסע שוועריגקייט וואָס נעמט אַרום דעם מענטש. ס׳איז זייער אַ גרויסע קליפּה.

## די צער פון דעם יוגנטליכן יאָרגאַנג

איינס פון די תקופות ווען די שוועריגקייט קומט שטאַרק אַרויס איז אין די ׳טינעידזש׳ יאָרן, פון ווען אַ קינד ווערט בערך ניין יאָר אַלט ביז די זעכצן - זיבצן יאָר, און בדרך כלל ציעט זיך דאָס נאָך לענגער ביז קרוב צו די דרייסיג.

אין די יאָרן אַנטוויקלט זיך דער מענטש, ער באַקומט כוחות און רצונות און ער ווייסט נישט וואָס צו טון דערמיט. ער פּרובירט אַהער און פּרובירט אַהין, און ער איז צעטומלט ווייל ער האָט נישט די כלים וויאַזוי אויסנוצן זיין פּנימיות׳דיגע כוחות.

דאָס איז זייער אַ טיפע צער, **ס׳איז אַסאַך גרעסערע צער ווי נישט האָבן קיין געלט אָדער נישט האָבן קיין שטעלע**, ס׳איז אַ צער וואָס קומט פון דעם וואָס מען קען נישט אַרויסברענגען די אינערליכע כוחות.

## די פּנימיות׳דיגע כוחות זוכן אַ וועג אַרויס

אָט דער מושג, אַז אַ מענטש קען זיך נישט אַרויסברענגען זיינע כוחות, **דאָס באַגלייט דעם מענטש מיום היוולדו ביז׳ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, עד זיבולא בתרייתא**, נאר עס קומט מיט פאַרשידענע אַנדערע נוסחאות און צורות, לויט דעם יאָרגאַנג און לויט די צייט.

ווען אַ קליין קינד הייבט אָן רעדן ווערט אים בדרך כלל רואיגער, ער קען זיך שוין אויסדרוקן וואָס ער וויל. אָבער שפּעטער הייבט זיך אן אַ נייע צער, בפרט אַ קינד וואָס האָט אַסאַך אינערליכע כשרונות און כוחות, ווערט ער דעריבער זייער ווילד און ער טוט שטותים, **ווייל ער ווייסט נישט וויאַזוי צו אויסנוצן ריכטיג די כוחות וואָס ער פאַרמאָגט.**

אַזאַ קינד האָט געווענליך אַזויפיל שטאַרקע געפילן און ער ווייסט נישט וואָס צו טון דערמיט. בדרך כלל האָט ער ניטאַמאָל די כלים וויאַזוי צו אַרויסברענגען זיין פּנימיות.

צום ביישפּיל: אַ קינד וואָס האָט אַ כשרון צו זאָגן שיעורים קען דאָך נישט ווערן יעצט קיין מגי״ש ביי די פינף אַהאַלב יאָר, און איינער וואָס האָט אַ כשרון צו אָנפירן זאַכן קען דאָך נישט פירן קיין מוסד אַלס אַכט יעריג קינד, דרייט ער זיך אַרום מיט שליסלעך, ס׳זאָל זיין נחשב כאילו ער האָט אויך טירן פאר די שליסלעך... אָבער די שורש הדבר איז איין זאַך, ער האָט אינערליכע כוחות און ס׳איז דאָ אַ גרויסע צער ווען מ׳קען דאָס נישט מוציא זיין מכח אל הפּועל.

## דער מענטש ווייסט ניטאַמאָל וואָס ער וויל

איינס פון די ערשטע חלקים פון דעם צער איז אַז מענטשן ווייסן בכלל נישט וואָס זיי ווילן. **מ׳פרעגט אַ מענטש זאָג מיר וואָס ווילסטו?! ער ווייסט נישט!** איין טאָג וויל ער דאָס, אַ טאָג שפּעטער וויל ער עפּעס אַנדערש. **׳עפּעס׳ פעלט אים, ער קען עס אָבער נישט מגדיר זיין.**

אפילו ביי די זעכציג יאָר איז דאָ מענטשן וואָס מ׳זעט אַז זיי זענען נאָך אַלס צעבראָכן. אַנדערע מענטשן זענען שוין יאָ מיושב דעמאָלט אָבער אַסאַך מאָל קומט דאָס בלויז וויבאַלד דער מענטש האָט מחליט געווען אַז ער האָט שוין נישט קיין כח צו לעבן קיין חיי צער, **ער איז זיך מייאש פון זיינע רצונות און פאַרטיג.** ווען מ׳זאָגט ׳מייאש׳ איז נישט פּשט אַז ער דרייט זיך אַרום צעבראָכן און דערביטערט. יאוש איז טייטש אַז ער פאַרמאַכט זיינע רצונות: ״איך וויל מער נישט זיין פאַרנומען מיט מיינע מחשבות און געפילן״.

## די שאלה וואָס מען באַהאַלט טיף: ״וואו בין איך אויף דער וועלט?״

אין דער וועלט איז אָנגענומען אַז ס׳איז דאָ אַ יאָרגאַנג, ווען דער מענטש טרעפט זיך אין די מיטעלע יאָרן, ווען ס׳האָט זיך געענדיגט אַ באַדייטנדע תקופה פונעם לעבן, און ער גייט דעמאָלט אַריין אין אַ טיפע צעבראָכנקייט. דער מענטש שפּירט: ״וואָס בין איך שוין אָנגעקומען אין מיין לעבן? איך דריי זיך און איך פריי זיך, אָבער למעשה בין איך גאָרנישט״...

בדרך כלל איז דאָ דער ווייטאָג ביי יעדן מענטש, חוץ אפשר די געציילטע מענטשן וואָס זענען מורא׳דיגע מוצלחים, אָדער וואָס רעדן זיך איין אַז זיי זענען מוצלחים... די צער באַגלייט דעם מענטש אַלעמאָל, ס׳איז בכלל נישט משנה וויאַזוי ער קוקט אויס פון אינדרויסן. ווילאַנג זיינע אַלע הצלחות זענען בלויז אויף חיצוניות׳דיגע זאַכן **וועט ער אייביג שפּירן אַז עס פעלט אים עפּעס אין די נקודה פּנימיות בלב.**

רוב מענטשן זענען מחליט צו מסיח דעת זיין דערפון ווייל עס טוט שטאַרק וויי, און אַז מ׳טראַכט נישט דערפון שפּירט מען נישט די צער, הגם ס׳איז נאָך אַלס דאָ די ווייטאָג אין האַרץ, און **יעדע שטיקל צייט וועקט זיך עס אויף** מיט די אינערליכע שאלה: ״וואו בין איך אויף דער וועלט?!״.

׳עפּעס׳ פעלט אים, ער קען עס אָבער נישט מגדיר זיין.

## די שורש פון די אַלע ווייטאָגן ליגט אין די פּנימיות הלב

כדי צו ריכטיג פאַרשטיין וואָס איז די וועג צו היילן דעם צער און אַוועקנעמען די טיפע ווייטאָג, דאַרף מען צוערשט גוט פאַרשטיין די שורש פון דער זאַך.

ס׳איז אַ געוואַלדיגע שאָד און אַ גרויסע עוולה אויב מ׳רעדט זיך איין אַז די פּראָבלעם ליגט בלויז איז די יעצטיגע ׳צורה חיצוניות׳, כאילו דאָס איז גורם די אומצופרידנהייט ביים מענטש. מען פאַרפאַסט אַ ריזיגע געלעגנהייט אויב מען רעדט זיך איין אויף געוויסע חיצוניות׳דיגע חסרונות, אַז למשל דאָס איז מיין פּראָבלעם. ווייל באמת קומט די שורש פון אַלע ווייטאָגן פון איין זאַך: **דער מענטש ווייסט בפנימיות לבו אַז ער קען אויפטון אויף דער וועלט, אָבער ער ווייסט נישט וויאַזוי.**

בדרך כלל איז ניטאַמאָל קלאָר פאַר׳ן מענטש ׳וואָס׳ ער וויל, **והא ראי׳ אַז ער האַלט אין איין טוישן זיינע שאיפות.** ער וויל עפּעס גאָר שטאַרק אָבער ער ווייסט נישט וואָס ער וויל. דאָס איז א קליפּה, אַן ׳ערלת הלב׳ וואָס איז גורם אַז ער קען זיך נישט אַרויסברענגען וואָס ער וויל. **ער איז נישט קלאָר מיט זיך אַליין.**

## אַדאַנק די צעמישעניש קען מען ניטאַמאָל מרגיש זיין וואָס מ׳וויל

אַסאַך מאָל מיינט ער אַז ס׳פעלט אים איין זאַך און באמת וויל ער גאָר עפּעס אַנדערש. די ׳ערלת הלב׳ וואָס נעמט אַרום דאָס האַרץ לאָזט אים נישט שפּירן און אַרויסברענגען וואָס ער וויל.

פאר רוב מענטשן איז זייער שווער זיך צו אליינס אַרויסברענגען. ווען איינער זאל זיי זאָגן פּונקטליך וואָס זיי שפּירן וואָלטן זיי געטאַנצן פאר שמחה און זיי וואָלטן שוין געפילט כמעט אויסגעהיילט, ווייל איינער האָט זיי אַרויסגעברענגט מיט ווערטער וואָס עס ליגט זיי טיף אין האַרץ. דער מענטש דרייט זיך אַרום אומצופרידן, ער האָט טענות און ווייטאָגן, און ער קען זיך ניטאַמאָל געהעריג אַרויסברענגען מיט אותיות.

## די ׳ערלת הלב׳ לאָזט נישט אַריינעמען און נישט אַרויסגעבן

דער פּסוק זאָגט אין פּרשת עקב (י טז) **׳ומלתם את ערלת לבבכם׳** און רש״י זאָגט **׳אוטם לבבכם וכיסויו׳.** דאָס הייסט אַז דאָס האַרץ ווערט אַ פאַרשטאָפּטע זאַך.

דאָס האַרץ פון אַ מענטש האָט אין זיך צוויי כוחות, עס קען ׳אַרויסגעבן׳ רצונות און עס קען אויך ׳אַריינעמען׳ אין זיך. אָבער ווען ס׳איז דאָ די קליפּה פון ׳ערלת הלב׳, דעמאָלט פּאַסירט אַז **די זעלבע קליפּה וואָס לאָזט נישט דעם מענטש ׳אַרויסברענגען׳** זיינע רצונות מכח אל הפּועל, **לאָזט אויך נישט ׳אַריינעמען׳ אין האַרץ** די וויכטיגע זאַכן און הרגשים וואָס דאָס האַרץ דאַרף אַריינעמען.

די קליפּה פון ערלת הלב קומט בשורש פון דעם ׳ראשית גוים עמלק׳, **עס זיצט אויפ׳ן האַרץ און לאָזט נישט ׳אַריין׳ און לאָזט נישט ׳אַרויס׳,** ווייל ווען אַ זאַך איז פאַרשטאָפּט קען דאָרט

גאָרנישט אַריינגיין און גאָרנישט אַרויסגיין.

### דער רצון ה'; ומלתם את ערלת לבבכם

מען זעט דאָס ליידער ביי מענטשן וואָס צוליב פאַרשידענע סיבות זענען זייערע געפילן פאַרקלאַפּט געוואָרן, אָדער ווייל זיי זענען אַריבער אַ גרויסע צער יונגערהייט אָדער צוליב אַנדערע אַזעלכע סאָרט זאַכן. זייער האַרץ איז נעבעך פאַרמאַכט געוואָרן, זעט זיך דאָס אָן אויף ביידע וועגן, **זיי קענען אויך נישט 'אַרויסגעבן' קיין געפילן פאַר זייערע אייגענע קינדער**, זיי קענען נישט געבן קיין ליבשאַפט פאַר'ן קינד, ווייל די געפילן זענען פאַרהאַקט.

דאָס איז אַ קליפּה וואָס יעדער איד מוטשעט זיך דערמיט אויף זיין מדריגה, **יעדער האָט דעם פּראָבלעם אויף אַן אַנדערע סאָרט אופן.** ס'איז דאָ אַזאַ באַגריף פון 'אוטם הלב', און **דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן מקיים זיין דעם 'ומלתם את ערלת לבבכם'**, ער וויל אונז העלפן מיט דעם פּראָבלעם, צו עפענען אונזער פאַרשטאָפּטע האַרץ.

### ווען מען אַרבעט אויף איין פראָנט וועט עס העלפן אויף די אַנדערע

אין בריסק האָט מען געזאָגט דעם באַקאַנטן אויסדרוק: **"אַז עס פעלט אין הסברה פעלט אין הבנה"**. 'הסברה' מיינט די וועג וויאַזוי דער מענטש קען אַרויסברענגען זאַכן, ער קען זיך 'אַרויסגעבן' מיט אותיות פונקטליך; אויב פעלט די מעגליכקייט פון זיך מסביר זיין ריכטיג, דעמאָלט איז אַ סימן אַז מען קען אויך נישט 'אַריינעמען' זאַכן אין האַרץ. **עס פעלט אויך די 'הבנה'!** ווייל די ערלת הלב אַרבעט אויף ביידע וועגן, **עס לאָזט נישט 'אַרויסברענגען' קיין געפילן און עס לאָזט נישט 'אַריינעמען' קיין געפילן.**

ביים לערנען אַרבעט עס אויך אויף ביידע וועגן; ווען אַ מענטש פאַרשטייט נישט אַ שטיקל גמרא, און ער איז דאָס מסביר פאַר אַ צווייטן, אָדער ער נעמט אַרויס אַ פּענע און שרייבט עס אָפּ, **מאַכט דאָס אַז ער זאָל עס בעסער פאַרשטיין**, ווייל אויב ס'איז דאָ אַ בעסערע 'הסברה' איז דאָ אַ בעסערע 'הבנה'. און דאָס זעלבע פאַרקערט, אויב איז דאָ אַ גוטע 'הבנה' וועט ער קענען עס גוט מסביר זיין, איינס בויעט די צווייטע!

קומט אויס אַז די עבודה פון אַ איד צו עוקר זיין דעם עמלק, אַראָפּצונעמען דעם ערלת הלב, איז געוואָנדן **וויפיל מער אַ איד וועט אַרבעטן אויף איינס פון די ביידע זאַכן!** סיי אויב ער בעסער אַרויסברענגען זיינע געפילן און סיי אויב ער וועט בעסער אַריינעמען געפילן, וועט זיך עפענען די אַנדערע צינור אויך!

'ונתנו' גייט דאך אויף ביידע וועגן; ווען אַ מענטש וועט אַרבעטן צו אַרויסברענגען זיינע רגשי הלב וועט ער קענען בעסער אַריינעמען. אויב דו וועסט האָרעווען אויף 'הבנה' וועסטו קענען קענען 'הסברה'.

ג

## בית שמגדלין בו תפלה; מ'דאַרף זוכה זיין צו קענען דאַווענען די ריכטיגע תפלה

### אַגאַנץ לעבן דאַרף מען גיין אַלס העכער מיט דער עבודת התפלה

לאָמיר אַצינד גיין אַ טריט ווייטער:

דער מושג פון תפלה איז אַ געוואַלדיגע 'אומנות', ס'איז אַ מורא'דיגע 'פאַך' **וואָס דער מענטש דאַרף כל ימי חייו עוסק זיין דעריננען**, צו שטייגן און אָפּלערנען ריכטיג די פאַך פון תפלה.

אַזוי זעט מען אין די **גמרא** סוף מסכת **מגילה** (כז, א) אַז אַ בית המדרש הייסט אַ 'בית גדול שמגדלין בו תורה' און אַ בית הכנסת הייסט אַ 'בית גדול שמגדלין בו תפלה'.

דאָס וואָרט 'מגדלין' איז אַ לשון פון מאַכן וואַקסן! פונקט ווי יעדער פאַרשטייט אַז ביי תורה דאַרף מען אַ גאַנץ לעבן גיין העכער און זיך בויען. סיי מיט ידיעת התורה און סיי מיט הבנת התורה, ס'איז דאָך נישטאָ קיין גבול דערצו, וויפיל מער מען לערנט אַזויפיל בעסער קען מען מקשר זיין און פאַרשטיין זאַכן.

די זעלבע זאַך איז שייך ביי דעם 'בית שמגדלין בו תפלה', **מען דאַרף כסדר זיך מתבונן זיין טיפער אין תפלה און מ'דאַרף אַלס מער אַריינקריכן און מחדש זיין דאָס דאַווענען.** אַגאַנץ לעבן קען אַ איד אַרבעטן צו אַרויפנעמען זיין תפלה פון איין מדריגה צו אַ העכערע מדריגה, און זיך אויסלערנען וויאַזוי צו דאַווענען!

### לאָמיר זיך לערנען 'וויאַזוי' צו דאַווענען

דאָס איז איינס פון די עיקר סיבות פאַרוואָס מען ווערט צומאָל נישט געענטפערט ביים דאַווענען. מענטשן דרייען זיך אַרום מיט אַ גרויסע קשיא: "איך האָב געדאַוונט און געדאַוונט אָבער כ'בין נישט געהאָלפן געוואָרן?". איינס פון די הויפט סיבות איז ווייל זיי ווייסן נאָכנישט וויאַזוי צו דאַווענען!

דאָס איז אַזוי ווי דער ישיבה קטנה בחור זאָגט פאַר זיין מגיד שיעור, נאָך דריי מינוט חזר'ן: "כ'האָב שוין געלערנט די גמרא, איך קען עס שוין"... יעדער פאַרשטייט אַז דאָס הייסט נישט געלערנט... די זעלבע איז ווען אַ מענטש זאָגט: "כ'האָב שוין געדאַוונט" איז דאָס נישט ריכטיג. **תפלה איז זייער אַ טיפע זאַך!** וויפיל מער דער מענטש לערנט זיך דאָס אויס וועט ער אודאי מער מצליח זיין און ער וועט זיך קענען מקשר זיין צו דער זאַך וואָס הייסט תפלה.

### די מאַכטפולע כח פון אַן אמת'ע צעבראָכענע תפלה

ס'איז געווען אַ אינגערמאַן וואָס האָט שוין געהאַלטן ניין יאָר נאָך די חתונה און ליידער איז ער נאָכנישט געהאָלפן געוואָרן מיט זרע של קיימא ל"ע. זיין צער איז געווען אומבאַשרייבליך, ביז ס'איז געקומען אַ פונקט ווען ער האָט מחליט געווען אַז ער דאַרף האָבן אַ הבטחה פון אַ גוטן איד.

דער רבוש"ע וויל אַז מיר זאָלן מקיים זיין דעם 'ומלתם את ערלת לבבכם'

איז ער איין נאַכט אַריבערגעגאַנגען אין שטוב פון הגה"צ רבי **שמשון פינקוס** זצ"ל און ער האָט זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ, זאָגנדיג מיט אַ תמימות: " איך לאָז נישט אָפּ דעם רב ביז איך באַקום אַ הבטחה אַז איך גיי זיכער געהאָלפן ווערן".

צוערשט האָט ר' שמשון זיך אַרויסגעדרייט: "ווער בין איך צו זאָגן? איך קען נישט מבטיח זיין". אָבער דער אינגערמאַן האָט זיך פאַר'עקשנ'ט אַז ער גייט נישט אַוועק פון דאָרט ביז ער באַקומט אַ קלאָרע הבטחה.

ר' שמשון האָט זיך פאַרטראַכט אויף אַ מינוט און נאָכדעם האָט ער געזאָגט "בסדר". דער אינגערמאַן האָט פּרובירט פאַרשטיין וואָס מיינט דאָס, איז דאָס אַן הבטחה אָדער נישט. אָבער ר' שמשון האָט אים נישט געלאָזט צופיל טראַכטן, ער זאָגט אים: "קום לאָמיר פאָרן צוזאַמען".

זיי זענען אַריין אין קאַר און ר' שמשון האָט אָנגעהויבן פאָרן אַרויס פון שטאָט. ס'איז געווען אַ טונקעלע נאַכט און נאָכ'ן אַ רייזע פון צוואַנציג מינוט זענען זיי אָנגעקומען צו אַ גאָר פאַרוואָרפענע פּלאַץ, וואו מ'האָט נישט געזען קיין שום שטראַל פון ליכטיגקייט, בלויז די לבנה און די שטערנס.

דער אינגערמאַן האָט אָנגעהויבן זיך זאָרגן: "וואו טראָגט ער מיך דאָ"... אָבער ער איז געבליבן זיצן מיט סבלנות און ר' שמשון שטעלט ענדליך אָפּ די קאַר און זאָגט אים: "דו גיי דאָ אַראָפּ, איך וועל זיין צוריק אין אַ האַלבע שעה אַרום. דערווייל זאָלסטו זיך גוט אויסוויינען דאָ פאַר'ן רבוש"ע אַז ער זאָל דיר העלפן מיט קינדער! קיינער איז נישט דאָ, דו ווייסט ניטאָמאָל וואו דו געפינסט זיך, קענסטו אַלזאָ זיך גוט אויסדאַווענען אָן קיין שום שטערונגען!".

צוערשט האָט דער אינגערמאַן אַביסל מורא געהאַט פון דער טונקל, אָבער ער האָט דאָך געדאַרפט אַ ישועה, האָט ער טאַקע אָנגעהויבן דאַווענען מיט'ן גאַנצן כח.

נאָך אַהאַלבע שעה איז ר' שמשון צוריקגעקומען. דער אינגערמאַן גייט אַריין אין דער קאַר און וואַרט אַז ר' שמשון זאָל אים זאָגן: "מזל טוב, ביזט אַ געהאָלפענער"...

אָבער ר' שמשון קוקט אים אָן און זאָגט: "**דאָס הייסט געדאַוונט? איך זע נישט קיין טרערן... ר' איד, איר האָט נאָכנישט געדאַוונט!** איך גיי נאָכאַמאָל אַוועקפאָרן און יעצט זאָלסטו אָנהויבן דאַווענען, אָבער טאַקע מעומק הלב מיט'ן גאַנצן האַרץ".

אַצינד איז שוין דער אינגערמאַן געווען גוט צעבראָכן, ער האָט זיך געשפירט ממש פאַרלוירן און ער האָט טאַקע זיך גענומען מתפלל זיין אַזוי ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געדאַוונט אין זיין לעבן. עס האָט אָנגעהויבן רינען אַ קוואַל טרערן פון זיינע אויגן און ער האָט זיך אויסגעגאָסן זיין צעבראָכן האַרץ מיט אַן אמת'ע וואַרימע תפלה.

שפעטער, ווען ר' שמשון איז צוריקגעקומען האָט ער אים געזאָגט מיט אַ שמייכל: "אָה, יעצט בין איך זיכער אַז דו ביזט אַ געהאָלפענער". צום יאָר האָט דער איד טאַקע געהאַט אַ צווילינג ב"ה און ער האָט אויפגעשטעלט אַ הערליכע משפחה.

### דאַווענען מיט אַן אמת ברענגט די ישועה

די מעשה האָט אַסאַך חלקים וואָס מ'קען אַרויסלערנען דערפון. איין חלק איז דער לימוד פון 'שערי דמעות לא ננעלו', אָבער די עיקר לימוד וואָס מ'דאַרף אַרויסנעמען פון דער מעשה איז אַז ר' שמשון האָט אים געזאָגט: איך קען דיך נישט מבטיח זיין אַ ישועה, **אָבער איך קען דיך אַזויפיל זאָגן אַז לכאורה האָסטו נאָכנישט אָנגערירט דאָס פינטל פון דיין האַרץ וואו דער רבוש"ע האָט געוואַרט אויף דיר!** איך האָב אַן עצה פאַר דיר: כ'קען דיך אפשר העלפן! קום, לאָמיר גיין דאַווענען מיט אַן אמת, און דעמאָלט וועסטו זיכער געהאָלפן ווערן!

אַזוי האָט דער הייליגער **לעכוויטשער** זי"ע געזאָגט: ווען אידן קומען צו מיר מיט בקשות, העלף איך זיי נישט מיט ישועות, **איך ברענג אַריין אין זייער האַרץ אַזאַ אמונה, און ווען דער מענטש האָט די אמונה איז ער שוין אַליינס ממשיך די ישועה!**

### אַז מען ווייסט 'וויאַזוי' צו דאַווענען איז מען אַ געהאָלפענער

ווען איד לערנט זיך אויס וויאַזוי צו דאַווענען ריכטיג בויט ער אויף זיין קרבת אלקים אַזוי שטאַרק, און דעמאָלט העלפן טאַקע די תפלות און ער פועל'ט אַלע ישועות!

דאָס איז טאַקע דער טעם פאַרוואָס מ'גייט צו אַ צדיק בשעת אַ צרה, ווי חז"ל זאָגן "ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים", ווייל **דער חכם ווייסט 'וויאַזוי' צו דאַווענען!** דער חכם קען דאַווענען פאַר דיר ווייל ער האָט זיך שוין גוט אויסגעלערנט וויאַזוי מ'דאַווענט מיט'ן גאַנצן האַרץ. אָבער באמת קען יעדער איד אָנקומען צו אַ טיפע מדריגה פון תפלה.

דאָס איז פונקט ווי יעדער מענטש קען מסיים זיין אַ מסכת. די תורה איז נישט בלויז געמאַכט פאַר דעם חכם, אַז דו וועסט לערנען וועסטו אויך קענען. די זעלבע זאַך איז **אויב אַ מענטש איז מחליט צו אַריינהאָרעווען אין דעם פאַך וואָס הייסט תפלה, דעמאָלט וועט ער קענען אויס'פועל'ן מיט זיינע תפלות** גאָר גרויסע זאַכן!

ד

## מה שאלתך וינתן לך; פורים אַנטפּלעקט די אינערליכע רצון פון אַ אידיש האַרץ

### פורים קען מען דערהערן די אמת'ע באַדייט פון תפלה

ווען די ספרים הק' זאָגן אַז די טעג פון תענית אסתר און פורים זענען זייער שטאַרק מסוגל אויף תפלה, מיינט דאָס אַז פון הימל עפענט מען אַצינד די שערים, אַז אַ איד זאָל קענען ריכטיג דאַווענען, מיט די טיפע נקודה וואָס קומט פון זיין פנימיות הלב.

אין די ימי הפורים עפנט מען די טויערן אַז אַ איד זאָל קענען מצליח זיין מיט דעם 'אומנות התפלה'; **ער זאָל קענען באמת דאַווענען, נישט בלויז זאָגן די ווערטער**, נאָר ער זאָל קענען אַרויסגעבן זיין טיפע אמת'ע רצון!

### די פנימיות'דיגע רצון וואַרט אַרויסצוקומען

יעדער מענטש האָט פאַרשידענע רצונות, אָבער געווענליך איז דאָס בלויז אַ 'רצון חיצוני', והא ראי' אַז יעדן טאָג וויל ער עפּעס אַנדערש. ווייל ער ווייסט נישט עכט וואָס ער וויל. דעריבער איז די תפלה דערויף נישט קיין ריכטיגע תפלה.

דאָס איז ווי אַ קינד וואָס קומט אַהיים און בעט פון די מאַמע אַז ער דאַרף אַ מייק צו קענען זינגען דערינען; צומאָרגנס קומט ער אַהיים אַז ער דאַרף אַ סעט ספרים; אַ טאָג נאָכדעם פאַרלאַנגט ער שוין אַן אַנדערע שפּילצייג, א.א.וו. וואָס וועט די מאַמע זאָגן?! אַז ער ווייסט נישט וואָס ער וויל, יעדן טאָג האָט ער נייע בקשות.

ווען אַ מענטש טוישט יעדן טאָג די זאַכן וואָס ער וויל איז פּשט אַז **דאָס איז נישט זיינע אמת'ע רצונות.** ס'איז זיכער דאָ אַ פּנימיות'דיגע רצון וואָס יענע רצון גייט נישט אַוועקגיין נאָכדעם וואָס דו ביזט געהאָלפן געוואָרן מיט די חיצוניות'דיגע בקשה. דערפאַר זעט מען אַז געווענליך נאָכדעם וואָס אַ מענטש ווערט געהאָלפן מיט איין ישועה, דאַרף ער שוין גלייך נאָך עפּעס, מען איז קיינמאָל נישט צופרידן, ווייל דאָ ליגט אַ טיפערע רצון וואָס איז מעורר די ווייטאָג.

### אונזער אמת'ע רצון איז; ואני קרבת אלקים לי טוב

דאָס האַרץ פון אַ איד וויל האָבן קרבת אלקים, **דאָס איז די אמת'ע תשוקה און רצון פון אַ איד!** דער מענטש קען עס אָבער נישט אַרויסגעבן, דערפאַר וויינט ער איין טאָג אַז ער דאַרף געלט, און דעם קומענדיגן טאָג אַז ער דאַרף עפּעס אַנדערש. דו ווייסט אַליינס נישט וואָס דו ווילסט! ס'איז דאָ אַן 'אוטם הלבי' וואָס ליגט אויף דיין האַרץ און עס לאָזט דיך נישט דאַווענען ריכטיג.

> "ער זאָל קענען באמת דאַווענען, נישט בלויז זאָגן די ווערטער

אָבער אין די הייליגע ימי הפורים איז דאָ די ספּעציעלע כח אַז דאָס האַרץ פון דעם מענטש זאָל קענען אַראָפּוואַרפן דעם כיסוי. **פורים ווערט נתגלה וואָס דער מענטש וויל באמת!** ער קען אָנהויבן שפּירן זיין פּנימיות'דיגע רצון, אַז ער וויל זיין נאָענט צום רבוש"ע! דאָס וויל אַ איד באמת! דעמאָלט קען ער טאַקע אַלעס אויס'פועל'ן מיט זיין תפלה.

### באַקומען די מתנה פון תפלה פורים אינדערפרי

הגה"צ רבי **שמשון פינקוס** זצ"ל פלעגט אַסאַך אַרומפאָרן צו אַלע סאָרט פּלעצער איבער דער וועלט כדי צו מקרב זיין אידישע קינדער. צווישן זיינע רייזעס פלעגט ער אויך פאָרן קיין דרום אַפריקע. אַמאָל ווען ער איז געווען אין דער שטאָט 'קעיפּ טאַון', וואָס איז די הויפּטשטאָט פון דרום אַפריקע, איז ער איינגעשטאַנען ביי אַ שטילער איד וואָס האָט במשך אַסאַך יאָרן נישט געהאַט קיין קינדער ל"ע. דער איד האָט פאַרציילט פאַר ר' שמשון זיין מצב און ר' שמשון האָט אים טאַקע געגעבן אַ וואַרימע ברכה.

אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט איינער פון די

מקורבים פון ר' שמשון, וועלכער האָט מיטגעהאַלטן די נסיעה קיין דרום אַפריקע, אנגעקלינגען דעם איד, דער בעל אכסני', און ער האָט אים געזאָגט אַז ס'גייט דאך יעצט קומען פורים ווען ס'איז 'כל הפושט יד נותנים לו', וויל איך דיר געבן אַן עצה טובה אַז אין די הייליגע טעג זאָלסטו דאַווענען מיט'ן גאַנצן האַרץ און בעטן אַלץ וואָס דו ווילסט. דערביי האָט ער פאַרציילט פאַר'ן בעל אכסני' די אויבנדערמאַנטע מעשה פון דעם אינגערמאַן וואָס ר' שמשון האָט גענומען אין אַ טונקעלע פלאַץ זיך צו גוט אויסוויינען פאַר'ן רבוש"ע.

דער איד האָט אים אויסגעהערט אָבער ער האָט געטראַכט צו זיך אַז דאָס איז טאַקע אַ געוואַלדיגע עצה, אָבער ער איז דאך אַ שטילער און אַ בּיישן, ער פאַרמאָגט נישט די תכונת הנפש צו לאָזן טרערן ברבים אין בית המדרש. ס'גייט נישט אַזוי אַז מ'צינדט אָן אַ קנעפּל און מ'הייבט אָן וויינען... "הלואי וואָלט איך דאָס געקענט באַווייזן, איך בין דאך נישט אַזאַ סאָרט".

למעשה ווען ס'איז אָנגעקומען פורים אינדערפרי איז דער איד געגאַנגען אין ביהמ"ד דאַווענען ווי געווענליך, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן דאַווענען שמונה עשרה האָט זיך אים געעפנט די שערי תפלה. ער האָט געשפּירט אַזאַ טיפע הרגשה פון קרבת אלקים און פון זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן רינען טייכן טרערן מיט אַזאַ התעוררות וואָס מ'קען נישט מסביר זיין.

אַזוי האָט ער געדאַווענט אַ לאַנגע צייט און ער האָט זיך ממש נישט געקענט אָפּרייסן אפילו ווען מען האָט אָנגעהויבן ליינען די מגילה. ער האָט געוואוסט אַז אין זיין געגנט איז נישטאָ נאָך אַ מנין וואו מ'קען הערן מגילה ברבים, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט אָפּשטעלן פון זיין דאַווענען, ער האָט געשפּירט אַז אויב דער רבוש"ע האָט אים געעפנט אַזאַ פּתח דאַרף ער דאָס אויסנוצן ביז'ן סוף. ער האָט פאָרגעזעצט צו דאַווענען מיט דמעות שליש ביז נאָך קריאת המגילה, אויף אַזוי ווייט אַז מענטשן האָבן געמיינט אַז ער איז באַרירט געוואָרן ל"ע, אָבער ער איז געבליבן שטיין שמונה עשרה ביז ער האָט מרגיש געווען אַז ער האָט גע'פועל'ט אַ ישועה.

## פּורים איז מסוגל צו קענען דאַווענען מיט אַן אמת

די מעשה האָט גראָדע נאָך אַ חלק, אַז נאָך ניין חדשים איז ער ב"ה געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד. אָבער **דאָס איז בכלל נישט די לימוד פון דער מעשה.** דאָס אַז דורך אמת'ע תפלה ווערן זאַכן מסודר איז נישט קיין חידוש, ווייל אויב אַ מענטש איז נאָנט צום אויבערשטן ווערן זיינע פּראָבלעמען מסודר.

די אמת'ע לימוד פון דער מעשה איז אַ הסבר אויף די ווערטער פונעם קב הישר, אַז **פּורים קען אַ איד אָנקומען צו די אמת'ע תפלה!** ווען די ספרים הק' זאָגן אַז די טעג זענען מסוגל פאר תפלה מיינען מענטשן אַז: "איך וועל ווייטער דאַווענען מיט מיין אַלטע טעות'דיגע וועג". מען קוקט דאָס אָן כאילו דער רבוש"ע איז כביכול יעצט אין אַ מצב וואָס ער טיילט מער. להבדיל ווי ביי אן גביר וואָס פּורים טיילט ער שיינע נדבות, און יעדער ווייסט אַז יעצט איז די צייט ווייל אויב מ'וועט קומען מאָרגן וועט ער שוין נישט טיילן, מענטשן שפּירן אַזוי כלפּי דעם רבוש"ע אַז דאָס מיינט אַז פּורים איז אַ 'זמן מסוגל לתפלה'...

נאָך אַ גרעסערע טעות קען מען האָבן אין דער סוגיא, ווען מען טראַכט: "אויב זענען די טעג אַזוי מסוגל פאר תפלה, וועל איך געבן געלט פאר יענעם אַז יענער זאל דאַווענען פאר מיר"... דאָס איז אַ דאָפּלטע טעות! ווען אַ צווייטער איד דאַוונט פאַר דיר האָט דאָס זיכער אַ כח אין הימל, אָבער דאָ רעדט מען וועגן דעם גרייזיגן מהלך המחשבה, כאילו פּורים איז געמאַכט אַז מען זאָל ווייטער דאַווענען אויף דעם אַלטן טעות'דיגן וועג.

מיר דאַרפן זיך אויסלערנען די פאַך פון תפלה! **פּורים איז אַ זמן ווען אַ איד קען זוכה זיין צו באַקומען אַן אמת'ע הרגשה אין תפלה!**

## זיי מכיר וואָס איז דיין אינערליכע בקשה

אָבער כדי צו קענען דאַווענען ריכטיג דאַרף מען צוערשט וויסן דעם פּראָבלעם, פאַרוואָס איז עס אַזוי שווער צו אַרויסברענגען מיינע געפילן און בקשות צום אויבערשטן. געווענליך ברענגט אַ מענטש נישט אַרויס זיינע רגשי הלב, ער זאָגט וואָס ער שפּירט אין די סעקונדע, אבער דאס איז נישט וואס ליגט אמת'דיג טיף אין זיין האַרץ. **אין זיין האַרץ איז דאָ אַ טיפערע זאַך**, אַסאַך מאָל ווייסט דער מענטש ניטאַמאָל וואָס דאָרט ליגט.

אפילו ווען ער איז שוין אויף אַ העכערע מדריגה וועט ער מתפלל זיין: "איך דאַרף יעצט האָבן אַ חברותא צום לערנען, ווייל איך קען נישט לערנען אַליין". ס'קען אָבער זיין אַז די בקשה איז אַסאַך טיפער דערפון. **דער איד דאַרף 'קרבת אלקים'!** די מתנה פון 'קרבת אלקים' קען מען באַקומען דורך תורה, און אַצינד האָט ער אַ פּראָבלעם אַז ווען ער האָט נישט קיין חברותא ביים לערנען קען ער זיך נישט מצמצם זיין דעם מח און ער נעמט אַרויס זיין טעלעפאָן צו שפּילן.

דיין פּראָבלעם איז אָבער נישט בלויז אַז עס פעלט דיך אַ חברותא! די עכטע פּראָבלעם איז אַז דיין נפש איז ביטער הונגעריג, דיין נפש זוכט צו טרונקן מים של תורה! מים של קרבת אלקים! די הייליגע תורה איז אַן עצה וויאַזוי דו וועסט דאָס באַקומען. אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָלסטו נישט רעדן וועגן די זאַך אַליין?! זיי מתפּלל אויף קרבת אלקים, זיי מתפּלל אויף אַ שייכות מיט דער תורה הק' וואָס זאָל דיך מקשר זיין מיט'ן רבוש"ע!

## פּורים נעמט דער רבוש"ע אַראָפּ דעם כיסוי הלב

מיר ליינען אין די מגילה: "**ויאמר המלך לאסתר**" - אין די הייליגע טעג פון פּורים זאָגט דער מלך מלכי המלכים פאַר אידישע קינדער. "**מה שאלתך וינתן לך**" - קודם כל ווייס וואָס דו ווילסט! ווען דו וועסט מצליח זיין צו וויסן וואָס דו ווילסט וועט זיין 'וינתן לך'!

די זמנים זענען מסוגל אַז אַ איד זאָל קענען אַרבעטן אַראָפּצונעמען די קליפּה, די אטימות, וואָס איז דאָ אויף זיין האַרץ. אַ איד קען זיך אין די טעג מקשר זיין מיט די פּנימיות, ער קען שפּירן וואָס עס טוט אים וויי. ביז יעצט האָט ער ניטאַמאָל געוואוסט וואָס עס טוט אים וויי; אַמאָל דאַוונט ער פאר געלט, אַמאָל פאר כבוד, אַמאָל פאר אַנדערע זאַכן, אָבער **ער כאַפּט נישט אַז זיין נפש דאַרף האָבן קרבת אלקים, דאָס איז די אמת'ע זאַך וואָס עס פעלט אים!**

ווען אַ מענטש זאל דאָס וויסן, ער זאָל מרגיש זיין אַז דאָס איז זיין אמת'ע בקשה, האַלט ער שוין אויף אַ וועג, אָבער אַגאַנץ יאָר איז דאָס שווער צו שפּירן. אין די טעג פון תענית אסתר און פּורים נעמט דער רבוש"ע אַראָפּ דעם הסתר וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. ווען מ'האָט אויסגעמעקט עמלק איז געוואָרן די סגולת הימים אַז ס'איז גרינגער פאר אַ איד צו דאַווענען, ס'איז אים גרינגער צו דאַווענען פאר זיינע אמת'ע בקשות! און אַז ער וועט דאַווענען ריכטיג וועט ער טאקע שפּעטער קענען אויפטון מורא'דיגע

## ◆ אותיות מחכימות ◆

שם משמואל (תצוה זכור תרע"ד)

**דהנה כוחו של עמלק לא די שמפזר את ישראל מלימוד התורה, אלא עוד להיפוך, מכנס אותן בדבר שיצר הרע חפץ בו, היינו שמכנים בלב ישראל תשוקה ונייחא בתאוות רעות.**

**והנה כבר אמרנו במקום אחר כי בטבע הלב להשתוקק, ואין שני מיני תשוקה היינו תשובה קדושה ותשוקה טמאה יכולין להיות כאחת, ואין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת** (יבמות קיב, ב).

**ומצאנו רמז לזה בש"ס מגילה** (ו, א)**, קיסרי וירושלים, אם יאמר לך אדם חרבו שתיהן או ישבו שתיהן אל תאמין, חרבה זו וישבה זו או להיפוך תאמין. קיסרי מכונה תאוה רעה, וירושלים תאוה קדושה, ואי אפשר ששתיהן יהיו מיושבות בלב אחד, אלא 'מלאה החרבה', אם מלאה זו חרבה זו.**

**ולעומת שיש באדם תשוקה קדושה ונייחא בעבודת ה', מגרש מתוך הלב תשוקה ונייחא הטמאה, ומעורר איבה על כחות הרע המבטלין את האהבה הקדושה, ואולם להיפוך הוא חס ושלום להיפוך.**

**ועל כן לגרש את עמלק מלב האדם אין עצה כי אם להתחיל בתשוקות הקדושה, כי באם ימתין עד שיגרש מקודם האהבה הטמאה יהיה ביני ביני הלב פנוי מתשוקה, וזה אי אפשר, כי חרבו שתיהן אל תאמין, ואין עצה אלא להכנים בלבו בכח תשוקה קדושה ונייחא בעבודה, וזה עצמו דוחה ומגרש את התשוקה הטמאה, וכעין דאיתא** (שיהש"ר א כא) **נכנס באדם טיפה של תורה יצאה כנגדה טיפה של ליצנות. וזה שאמר הכתוב 'והיה בהניח וגו' תמחה' וגו', היינו במה שיש באדם נייחא בדבר קדושה, בזה עצמו מוחה את עמלק מלב.**

זאַכן.

### די שמחה וואָס ווערט נתגלה ווען מען וויקלט אויף די פּנימיות הלב

דאָס איז דער אויבנדערמאַנטער יסוד וואָס מ'האָט דערמאַנט פון דעם קאזיגלובער גאון זצ"ל, אַז **וויבאַלד די טעג פון פּורים זענען ימי שמחה זענען זיי אויך ימי תפלה**. וואָס איז טייטש שמחה?! **שמחה מיינט ווען אַ מענטש קען אַרויסברענגען צו אינדרויסן זיין פּנימיות וואָס איז געווענליך פאַרדעקט און באַהאַלטן**. ווען ס'ווערט נתגלה די פּנימיות פון אַ מענטש ווערט ער מורא'דיג פריילך; דאָס ברענגט אַ געוואַלדיגע הרגשה פון שמחה.

מ'קען אויך מעורר זיין שמחה מיט חיצוניות'דיגע פּעולות אָבער ווילאַנג דאָס האַרץ איז פאַרשטאָפּט קען מען נישט זיין עכט בשמחה. די זעלבע קליפּה וואָס לאָזט נישט דעם מענטש אַרויסברענגען זיינע רצונות מכח אל הפּועל, די זעלבע קליפּה מאַכט אַז דער מענטש זאָל נישט קענען זיין בשמחה, ווייל ער האָט אַן ערלת הלב.

און ווען אַ איד איז טאַקע אמת'דיג בשמחה קען ער דעמאָלט גרינגער דאַווענען מעומק הלב, און אַז ער דאַווענט ריכטיג ווערט ער געהאָלפן. פּונקט ווי אַ 'בעל שמחה' האָט דעם כח צו וואונטשן, ווייל ער איז 'בעל הבית' אויף די שמחה, ער מאַכט ב"ה חתונה אַ קינד, דאָס ברענגט אים אַזאַ שמחה אַז זיין האַרץ עפנט זיך, און אַז דאָס האַרץ איז אָפן קען ער דאַווענען, קען ער וואונטשן, ווייל ער איז מער רוחניות'דיג.

> **"מה שאלתך וינתן לך" – קודם כל ווייס וואָס דו ווילסט! ווען דו וועסט מצליח זיין צו וויסן וואָס דו ווילסט וועט זיין 'וינתן לך'!**

פּורים, זאָגט דער קאזיגלובער גאון, איז אַ טאָג פון מחיית המלק. אָט די נייחא וואָס איז געקומען נאָכ'ן מחיית עמלק "אשר נחו היהודים מאויביהם", דאָס העלפט פאַר אַ מענטש מיט אַ מורא'דיגע סייעתא דשמיא, ווי מ'האָט דערציילט פון דעם איד וואָס האָט זיך גוט אויסגעדאַוונט. **די מחיית עמלק העלפט פאַר'ן מענטש צו אַראָפּנעמען זיין ערלת הלב, זיין האַרץ עפנט זיך און ער קען רעדן צום רבוש"ע אמת'ע דיבורים**. דעמאָלט וועט אודאי זיין 'כל הפושט יד נותנים לו'! ער קען בעטן אויף אַלעם און ער וועט געהאָלפן ווערן!

ה

## לא בקשה דבר; די תפלה פון פּורים איז אויף די אמת'ע בקשה מעומק הלב

### פּורים איז אַ איד בטל פאַר'ן רצון ה'

אַ איד האָט לעצטנס צוגעוויזן וואָס עס ווערט געברענגט אין ספרים אַז די גאַנצע עבודה פון פּורים איז "**ובהגיע תור אסתר, לא בקשה דבר**", פּורים איז אַ זמן וואָס אַ איד לאָזט אָפּ אַלע זיינע בקשות און ער וויל נאָר וואָס דער רבוש"ע וויל. אידן קומען נישט זאָגן פאַר'ן אויבערשטן אַהער אָדער אַהין, נאר דער מענטש איז אינגאַנצן בטל צום רצון ה'.

האָט דער איד געפרעגט: ווי שטימט דאָס מיט דעם וואָס מיר ווייסן אַז "כל הפושט יד נותנים לו"?! וויאַזוי שטימט דאָס מיט די אַלע מימרות וואָס מ'זאָגט נאָך פון צדיקים אַז פּורים איז אַזוי שטאַרק מסוגל אויף תפלה?! מ'דאַרף דאך יאָ דאַווענען אום פּורים?!

### די איינציגע בקשה וואָס לעזט אַלע פּראָבלעמען

אָבער באמת איז פּונקט פאַרקערט. דאָס איז טאַקע די גאַנצע יסוד. ווען אַ מענטש האָט אַלע סאָרט פּרטיות'דיגע בקשות צייגט דאָס אַז זיין האַרץ איז נאָך אַרומגענומען מיט אַ כיסוי. אבער ווען אַ איד איז זוכה אַז זיין האַרץ עפנט זיך באמת ווייסט ער אַז וואָס עס פעלט אים באמת איז ער איז נישט נאָנט מיט'ן רבוש"ע! **דאָס אַז ער לערנט נישט, דאָס איז שוין אַ תוצאה פון דעם חסרון!** דאָס אַז ער האָט פּראָבלעמען מיט יראת שמים און מיט שמירת עינים, דאָס איז אַלעס תוצאות. ווען ער וואָלט געהאַט אַן אמת'ע נאָנטקייט מיט'ן רבוש"ע וואָלט דאָס מסדר געווען אַלע זיינע פּראָבלעמען.

ווען ער פאַרשטייט דאָס ווערט בטל אַלע אַרומיגע און זייטיגע בקשות!

### די צוויי תשוקות קענען נישט גיין צוזאַמען

ס'איז דאָ אַ מורא'דיגע לשון אין **שם משמואל** (תצוה זכור תרע"ד) וואו ער איז מבאר אַז די כוח פון עמלק איז אַז נישט בלויז ער נעמט אַוועק אידישע קינדער פון לימוד התורה, נאָכמער, ער לייגט אַריין אין אידישע הערצער תשוקות צו נישט גוטע זאַכן רח"ל.

זאָגט דער שם משמואל אַז די טבע פון אַ האַרץ איז צו משתוקק זיין, אָבער מ'קען נישט האָבן אין די זעלבע צייט סיי אַ תשוקה צו קדושה און סיי אַ תשוקה צו דברים טמאים. די צוויי זאַכן קענען נישט גיין צוזאַמען. ס'איז אַ סתירה. ווען אַ מענטש האָט אַ תשוקה צו קדושה און צו עבודת ה' איז דאָס אַליינס מגרש פון זיין די האַרץ די תשוקות צו טומאה. ס'איז מעורר אַ שנאה צו די כוחות הרע וואָס זענען מבטל די אהבה הקדושה.

דער שם משמואל ברענגט דאָרט די **גמרא** אין מסכת **מגילה** (ו, א) "**קיסרי וירושלים, אם יאמר לך אדם חרבו שתיהן או ישבו שתיהן אל תאמין, חרבה זו וישבה זו או להיפוך תאמין**". 'קסרי' איז די קליפּה פון עשו וואָס איז מרמז אויף די תאוות רעות, און 'ירושלים' איז די תשוקות פון קדושה. אויב איינער וועט זיך זאָגן אַז קסרי איז געבויעט זאָלסטו וויסן אַז ירושלים איז חרוב און אַזוי אויך פאַרקערט, אָבער ס'קען נישט זייןביידע תשוקות אינאיינעם און אַזוי אויך קען נישט זיין "חרבו שתיהן"; דאָס הייסט אַז אַ מענטש קען קיינמאָל נישט בלייבן אָן קיין תשוקה.

### אותיות מחכימות

### די עצה זיך צו אָפּשאָקלן פון שלעכטע תשוקות איז אַריינלייגן הייליגע תשוקות

מענטשן פּרובירן אַזויפיל מאָל זיך צו אפּטשעפּענען פון זייערע שלעכטע תשוקות. דער מענטש שפּירט אַז ער אדיקטעט צו נאַרישקייטן, צו נייעס, צו קוקן שטותים וכדומה, ער וויל זיך אַרויסדרייען דערפון און ער קען נישט.

ס'איז אָבער דאָ אַן עצה: **ווען מ'לייגט אַריין די תשוקה אין רוחניות, דעמאָלט פאַלט אַוועק די אַנדערע תשוקות!** מ'דאַרף נאר וויסן אַז תשוקה אין רוחניות איז טייטש אַז מ'זאָל בלייבן פאַרקאָכט און מקושר דערצו, נישט ווי צומאָל ווען מען האָט טאַקע אַ תשוקה ברוחניות אָבער נאָכדעם גייט מען צוריק צו די נאַרישקייטן.

### דו ווילסט יאָ רוחניות, הגם דו מיינסט אַז נישט!

אַ איד דאַרף דאָס אַנערקענען אַז **אויב וועט ער האָבן אַן אמת'ע אָפענע האַרץ צום רבוש"ע וועט אים גאָרנישט פעלן**. דער אויבערשטער וועט אים אַלעס מסדר זיין. ווען אַ איד פאַרשטייט דאָס האָט ער אַראָפּגענומען די כיסוי פון זיין האַרץ. אין די טעג פון פּורים גיט דער אויבערשטער אַ ספּעציעלע סייעתא דשמיא אַז דער מענטש זאָל באמת קענען עפענען זיין האַרץ, ער זאָל קענען

> **די הייליגע טעג פון פּורים איז מסוגל צו מעורר זיין אַט דעם אמת'ן רצון. אַ איד קען זוכה זיין צו שפּירן אַז ער דאַרף גאָרנישט, ער וויל קרבת אלקים!**

דאַווענען אויף רוחניות, און ער זאָל שפּירן אַז דאָס איז זיין אמת'ע בקשה.

מענטשן קענען אַמאָל זאָגן: "וויאַזוי קען איך דאַווענען אויף רוחניות, כ'ווייס דאך דעם אמת אַז נישט דאָס איז מיין בקשה. כ'וויל נישט אַזוי שטאַרק רוחניות בכלל"... אָט דאָס איז אַן אמת'ע ערלת הלב! **דו ווילסט יאָ רוחניות, נאר דו שפּירסט עס ליידער נישט, ווייל דו ביזט אָפּגעריסן פון דיין אמת'ע פּנימיות!** דו ביזט אפגעטשעפּט פון דעם אמת וואָס דיין האַרץ איז משתוקק, ווייל ס'איז דאָ אַן 'ערלה' אויפ'ן האַרץ. ווען דו וועסט אַראָפּנעמען דעם כיסוי וועט נתגלה ווערן דיין אמת'ע רצון!

## אנערקן אין דיין אמת'ע פּנימיות'דיגע רצון

אפילו במילי דעלמא איז דאָ אַסאַך מאָל ווען אַ מענטש שפּירט אַז ער וויל עפּעס טון אָבער ער כאַפּט נישט אַז בעצם וויל ער עפּעס מער בפנימיות. צום ביישפּיל אַ מענטש מיינט אַז ער וויל זאָגן אַ דרשה צו מחזק זיין אַנדערע אָבער באמת וויל ער זיך אַליין מחזק זיין... ער דאַרף דעם כבוד אַז מ'זאָל אים אויסלויבן. דאָס איז אַן 'ערלת הלב' ווען דער מענטש ווייסט אפילו נישט וואָס ער וויל באמת.

די זעלבע זאַך איז פאַרהאַן ברוחניות. **אינעווייניג איז דאָס האַרץ משתוקק צו איין זאַך: צום אויבערשטן וואָס האָט באַשאַפן די נשמה!** אָבער דער מענטש זוכט צומאָל אַנדערע זאַכן ווייל ער ווייסט נישט וואָס עס פעלט אים.

די הייליגע טעג פון פּורים איז מסוגל צו מעורר זיין אָט דעם אמת'ן רצון. **אַ איד קען זוכה זיין צו שפּירן אַז ער דאַרף גאָרנישט, ער וויל קרבת אלקים!** ער דאַוונט אויף דעם צו ווערן נאָנט צום אויבערשטן! עס קומט אַראָפּ זיין ערלת הלב, ער גייט אַוועק אויף די זייטיגע פּרטים און ער איז מתפּלל אויף די נקודה הפנימיות.

## אין די ימים נוראים דאַוונט מען בלויז אויף 'וידע כל פעול'

די זעלבע זאַך קען מען זען אין די הייליגע טעג פון ראש השנה אין יוה"ק. אַ מענטש קומט אַריין אין די ימים נוראים ווען מ'גייט אים פּסקן'ען די אַלע זאַכן וואָס מ'רעכנט אויס אין 'ונתנה תוקף', מ'גייט אים באַשטימען זיין געלט, זיין לעבן, זיין געזונט. אָבער ווען ער שטעלט זיך דאַווענען זענען אַלע תפלות אויף מלכות שמים.

דער מענטש שפּירט: "ווען איז שוין די צייט צו מתפּלל זיין אויך אַביסל פאר מיר?". ער קען טאַקע זאָגן תהלים ראש השנה נאָכמיטאָג, און ער קען אפשר אויך מאַכן די סגולה צו אויסזאָגן צוויי מאָל גאַנץ תהלים ראש השנה ביינאַכט, אָבער ער וואונדערט זיך: פאַרוואָס איז דאָס אַלעס אין די זייטיגע צייטן? פאַרוואָס איז דער סדר התפלה פון די אנשי כנסת הגדולה אינגאַנצן נישט געבויעט אויף דעם מהלך?

דער אמת איז אָבער אַז די אנשי כנסת הגדולה האָבן מתקן געווען צו דאַווענען **אויף די ריכטיגע זאַך וואָס פעלט באמת פאַר'ן מענטש.** דו זאָלסט דאַווענען אויף דעם 'לתקן עולם במלכות שקי' און אויף דעם 'וידע כל פעול כי אתה פעלתו', ווייל ווען דו וועסט וויסן אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט וועט דיך שוין גאָרנישט פעלן! עס וועט שוין זיין אַלע שפע, אַזויווי ס'איז געווען בזמן שבית המקדש הי' קיים ווען יעדער איד איז געזיצן "איש תחת גפנו ותחת תאנתו".

## אויב דער גוי האָט זיך מגייר געווען, קען דער איד זיכער אויפגעהויבן ווערן

פּורים האָט די מורא'דיגע סגולה צו אויפהייבן און מרומם זיין דעם נפש פון אַ איד! הגאון רבי יוסף חיים זאננעפעלד זצ"ל האָט געזאָגט אַז אויב אַ מקוה קען מאַכן פון אַ גוי זאל ווערן אַ איד, קען דאָס עס זיכער מאַכן אַז פון אַ איד זאל ווערן אַ בעסערער איד. האָט צוגעלייגט דערויף דער משגיח, הגה"צ רבי **משה וואָלפסאָן** שליט"א, אַז ביי פּורים שטייט דאך "ורבים מעמי הארץ מתייהדים", קען מען זאָגן די זעלבע זאַך: אַז פּורים האָט געקענט מאַכן פון גוים זאל ווערן אידן, **קען דאָך פּורים זיכער מאַכן אַז פון אַ איד זאל ווערן אַ בעסערער איד!**

דער טאָג איז מסוגל אַז יעדער איד זאל טאַקע קענען ווערן אַ בעסערער איד. **ער זאָל קענען אָנהויבן משתוקק זיין ווי אַ איד.** דער טאָג גיט דיך דעם כח! זעץ דיך אַוועק מיט אַ תהלים און האָב אינזין **דיינע אמת'ע פּנימיות'דיגע בקשות הלב**, צו זוכה זיין צו קרבת אלקים.

## נאָכ'ן דאַווענען ריכטיג ווערט מען געהאָלפן מיט אַלע ישועות

ווען אַ איד בעט אויף אַזאַ סאָרט אופן איז ער אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ! און יעצט קען ער אודאי אויך דאַווענען אויף אַלע זיינע ענינים. **געוויס קען מען דאַווענען אויף בני, חיי ומזוני, רפואה און אויף אַלע גוטע זאַכן**, אָבער די ערשטע זאַך דאַרף מען זיין אויף די פּלאַץ פון תפלה! ווילאַנג דער מענטש קומט מיט אַ גאַנצע ליסטע פון בקשות וואָס ער וויל אַז דער רבוש"ע זאָל אים מסדר זיין, **האָט ער נאָכנישט געדאַוונט.** הערשט נאָכדעם וואָס ער האָט מסמיך געווען 'גאולה לתפלה', קען ער שפּעטער דאַווענען אַלע בקשות פון רפאינו, ברך עלינו, א.א.וו.

די טעג פון פּורים זענען מסוגל אַז מ'זאָל קענען צוקומען צו אָט די אמת'ע פּנימיות'דיגע תפלה, און ווען מען איז זוכה צו דאַווענען ריכטיג קען מען שוין אויסבעטן אַלעס גוטס, כל הפושט יד נותנים לו, **ווייל ער קומט צו די תפלה מיט דעם געפיל אַז די איינציגע זאַך וואָס פעלט אים באמת איז די בקשה פון 'קרבת אלקים'!** ער ווייסט אַז אַלע צער און פּראָבלעמען איז ווייל ער האָט נישט קיין נאָנטקייט מיט'ן רבוש"ע! ער בעט דעם אויבערשטן אַז ער זאָל אָנקומען דאָרט און אַזוי באַקומט ער טאַקע די הרחבה, די סייעתא דשמיא און די השפּעות טובות וואָס אידישע קינדער דאַרפן האָבן.

דער אויבערשטער זאל העלפן אַז מ'זאָל קענען אויס'פּועל'ן אַלעס גוטס, דורך אָנקומען צו אונזער אמת'ע רצון, און אידישע קינדער זאלן טאַקע האָבן אַ פריילעכן ליכטיגן יום טוב פּורים.


פטרון השבוע
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

נתנדב ע"י ידידינו
מו"ה ר' **הערש אלימלך שווארץ** ני"ו
**לרגל שמחת לידת בנו למזל טוב**
יהי רצון שיזכה לראות רב נחת ושמחה
מתוך הרחבת הדעת

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
ביטע רופט: 718.387.1122 | info@machonhavineini.com



**ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:**

**בארא פארק:**
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך - לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב - לאקער 58

Central Market
ביהמ"ד וויען - שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי - שמש שטיבעל

**מאנסי**
ביהמ"ד סאטמאר- 13 Monsey Blvd - ליד המקוה
ביהמ"ד סאלקא
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד זוועהיל - West maple
ביהמ"ד ראדאשיץ - Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא

קול הבינוני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223